

## לייענער שרייבן
# בריוו צו קינדליין

**צו די געערטע רעדאקטארן פון די קינדליין אויסגאבע הע"י,**

ס'איז א וואונדער צו זען ווי אזא אויסגאבע וואס איז געווידמעט פאר'ן יוגנט, זאל אזוי אויפגעכאפט ווערן און ווערן געלעזט אויך דורך ערוואקסענע פון "דאשקע ביז דאשקע".

אין איינע פון פון די פריערדיגע גליונות איז געווען באשריבען דער מלבוש וואס רופט זיך "סטראָקעס". כהיום, איז אנגענומען אז דער מלבוש איז א חסיד'יש-רבי'ש מלבוש, און אזא איינדרוק האט דער ארטיקל געגעבן. ס'איז אמת אז היינט איז טאקע אזוי. דאך איז כדאי צו וויסן, אז נישט אלעמאל איז אזוי געווען. כ'האב דא מיטגעשיקט עטליכע בילדער צו קענען זען השתלשלות הדברים.

**בילד 1:** הגאון רבי שמעון סופר - קראקאווער רב זצ"ל, זון פון פון דער הייליגער חתם סופר וועלכער האט געשטאמט פון פראנקפורט, א ריכטיגער דייטשער יעקישער אפשטאם, מלובש מיט א ערליכע סטראקעס בעקישע. רבי שמעון איז נישט געווען א חסיד (אגב זע **בילד 2:** מיט'ן ברייטן רבי"שן גארטל און קאלפיק אין צוגאב צו די סטראקעס). **אין בילד 3:** טרעפן מיר דער גריידיצער רב, הגאון רבי אלי' גוטמאכער זצ"ל, אויך נישט פון חסיד'ישן חדר, הגם א גרויסער בעל מקובל, מיט סטראקעס און א קאלפיק און א ברייטער גארטל. אויך אין **בילד 4** זעט מען דער גרויסער גאון, דער רבי ר' יונתן, מיט סאמעטענע סטראקעס.

וועט איר געוויס מיינען, אז דאס גאר א רבנ'יש מלבוש. לאמיר כאפן א בליק אינ'ם פנקס המדינה פון מדינת ליטא (דאס איז דער ועד המדינה וואס איז געלאפן אין די ליטא פאראלעל צו דער ועד ארבע ארצות אין פולין), געפינען מיר א תקנה פון שנת שצ"ז לפ"ק (אין די צייטן פון ב"ח זצ"ל, קנאפע 50 יאר פאר דער בעל שם טוב איז געבוירן) בנוגע קליידער וואס מענטשן פלעגן אויסגעבן גאר אסאך געלט דערויף ווייל יענער גייט אזוי, ווי פאלגענד: "סטאראָקש, כסף או זהב, ואפי' זיוף, אסור לעשות על בגד עליון". ווי די תקנה ענדיגט צו: "ואפי' אשה שיש לה כבר, מחוייבת להסיר אותו מעל הבגדים" (**בילד 5**), און אויף ווייבערישע קליידער געפינען מיר טאקע אסאך מער די סטראקעס. דאך אז מען קוקט אויף די בילדער פון פארצייטישע מענערישע מלבושים,



1



2



3



4



5

וועד שצ"ז

מא

לעשות על השלדן [illegible] עם מרגליות או אבנים טובות ואפי' [illegible] הכל אסור איסור

גמור. סטאראקש כסף או זהב ואפי' זיוף אסור לעשות על בגד עליון ואפי' אשה שיש לה כבר מחויבת להסיר

אותו. מעל הבגדים



6



7



8



9
















טרעפן מיר אויך די סטראקעס, זע **בילד 6**.

לענינינו, גיבט א בליק אויף די בילדער פון נודע ביהודה (**בילד 7**), און דער ברעסלויער רב, הגאון רבי אברהם טיקטין (**בילד 8**), מיט הערליכע געשטריקטע סטראקעס.

**וואס טוט זיך מיט'ן שטריימל?**

**מענין לענין, לאמיר אריבערגיין צום שטריימל. איידער מיר גייען צום אריגינעלען אידישן שטריימל, דארפן מיר אהערברענגען א בילד פון א שטריימל ווי אזוי זי זעט אויס. ווייל די היינטיגע שטריימלעך, זענען נישט די שטריימלעך מיט וואס אונזערע זיידעס זענען געגאנגען. א שטריימל איז בעצם א גרויסער קאפל - וואס רופט זיך א ווירעך - און ביים עק ווערט עס ארומגענומען מיט שפיצן, וואס זענען שווענצליך פון א סויבל, א שטייגער ווי דער שטריימל אין בילד 9. הגם דאס איז אביסל איבערגעטריבן... אבער מיר געדענקן נאך גאנץ גוט אונזערע זיידעס מיט'ן שטריימל פון בילד 10 (מערקט ווי דער ווירעך איז דער 'העכערער' חלק פון שטריימל). אין בילד 11 דערקענט מען אן "אשכנזי'שער" איד מיט א צוגעפוצט בערדל און מיט א קראוואטל, שפאצירט מיט א שטריימל אויף די קראקאווער געסלעך, און דער ווירעך שטייגט ארויס גאנץ קלאר און מערקבאר. ווידער היינט האט זיך דאס געטוישט, דער ווירעך ווערט אינגאנצן באגראבן צווישן די שווענץ... אזוי זענען אויך די שטריימלעך אין בילד 12 פון חסידים אין קראקא.**

יעצט, אז מיר ווייסן שוין ווי אזוי דער שטריימל "דארף" אויסזען, קען מען נאכפארשן פון וואנעט דער סארט מלבוש שטאמט.

ווי דערמאנט, זעען מיר אן אשכנז'ישן איד מיט'ן שטריימל, ווייל אנדערש ווי היינט וואס דער שטריימל איז א מלבוש פאר חסיד'ישע אפשטאמיגע, איז דער שטריימל געווען דער אידישער מלבוש אין גאנץ פולין. מיר געפינען דער שטריימל דערמאנט אין די דערמאנטע תקנה: "גם אין לעשות שטריימל של ציבל [סויבל, הערת המעתיק] לאורך!" ס'איז מיר נישט קלאר וואס די כוונה מיט די תקנה איז, אבער דא האט איר א שטריימל געמאכט פון סויבל, נאך אין די ב"ח'ס צייטן!

דער שטריימל איז אן אור-אלטער מלבוש. מיר געפינען דער באקאנטער ערשטער דרוקער אין אייראפע - יאהאן גוטטענבערג פון מאיענץ (ה'קנ"ח - רכ"ח), גיין אנגעטוען מיט א שיין שטריימל - דאס איז גאר אין די צייטן פון די ראשונים (לערך 600 יאר צוריק). לואיס דער 14'טער פון פראנקרייך! (שצ"ח - תע""ה) דאס איז אין די צייטן פון דעם מגן אברהם און דער חלקת מחוקק, גייט אויך מיט א שיינער ברייטער "רויטער שטריימל".

אבער איין טעות האבן מיר, די שפיצן/שווענצליך/הערנער, מיט וואס די היינטיגע שטריימלעך ווערן באצירט, וואס ווערן גאר אנגערופן דורך שטריימל סוחרים אלס דער "קרוין" שלא שערום אבותינו (במחילה גדולה), זעט אבער א שטריימל מיט א קרוין גאר אנדערש אויס. כאפט א בליק אויף **בילד 13**, אט דאס איז א שטריימל מיט א קרוין, דאס איז געטראגן געווארן דורך דעם רוסישן צאר איוואן (ה'ר"צ - של"ד) וואס האט געלעבט בימי הרמ"א, מהרש"ל ובית יוסף!

דער סארט היטל, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון א ווירעך, און ארומגענומען מיט פעלץ (זעט צ.ב.ש. **בילד 14**), רופט זיך א 'וויקינגער הוט'. דא גייט מען צוריק א תקופה פון 1000 יאר, אין תקופה פון די ווילדע וויקינגער, דאס היטל'ס ווירעך ווערט צוזאמענגשטעל פון 4 חלקים, און ארום גענומען מיט פעל פון א פוקס, מען האט זיך דערמיט באנוצט אין די סקאנדינאווישער און סלאווישער ערטער, און פון דארטן האט זיך עס פארשפרייט קיין רוסלאנד, פולין, דייטשלאנד און פראנקרייך.

ווייסע זאקן קען יעדער טרעפן אויף דעם 2 דאלער באנקנאט...

וואס טוט זיך דא? גייען מיר דען מיט גוי'אישע מלבושים, חס ושלום! אינדערצייט וואס דער גוי האט געטראגן סטראקעס פון אלע זייטן, פון אויבן ביז אראפ, זענען די סטראקעס ביי אונז אויסגעשטעלט מיט הייליגע כוונות און טיפע חשבונות ווי די רצועות פון תפילין און מיט 26 העקעלעך כמנין שם הוי"ה ב"ה. אויך דער שטריימל איז דער גוי געגאנגען מיט לאנגע שטיקער פעלץ, ווידער דער שטריימל אינדערהיים איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון 13 שפיצען, מען דערציילט נאך פונעם באבובער רב דער קדושת ציון זצ"ל, אז ווען ער האט אנגעטוען דעם טלית אויפ'ן שטריימל, ביי קידוש און ביים ליינען האבן ארויסגעשטייגט 3 שפיצן ווי א ש'.

על כל פנים, די מלבושים האבן היינט באקומען א נייע קדושה מיט'ן שינוי השם, שינוי רשות, און שינוי "צורה". דער שטריימל דארף שוין האבן א תיקון און מיר וואלטן געמעגט צוריקגיין צום אלטן איידעלן שטריימל וואס האט באצירט דעם קאפ, ווי איידער דער ברייטער, הויכער, שפיציגער שטריימל, וואס האט נישט קיין שום חן. מען זאגט נאך פון הייליגן שינאווער רב זי"ע, א ראי' אז דער מלבוש האט א הייליגער מקור, ווייל יעדער שפיץ שטעכט אויס די אויגן פון די מאדערנעזירטע אידן. ווידעראום די היינטיגע שטריימלעך, ווערן געטראגן דורך זיי מיט'ן גאנצן שטאלץ. ס'איז יתכן, אז נישט דער היינטיגער שטריימל האט דער שיניאווער רב געמיינט...

אגב, דער חסידי'שער איבערציער - רעקל, וואס די קנעפ זענען באהאלטן זענען אויך מהאי טעמא, ווייל די גוים פלעגן גיין מיט די קנעפ אפן. רעדנדיג פון דעם, פלעגט ביי א רעזשוואלקע בכלל נישט זיין קיין קנעפ.

מיט פיל עהרע און שעצונג,

**יוסף נחמיה הכהן קוואדראט**

לונדון יצ"ו